**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 100 מיליאן דאלאר אין 'ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פינאנצירונג יעצט דא צו באקומען פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס**

***ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם מאכט ריינע באסעס און טשארדזשינג אינפראסטרוקטור מער אפאָרדעבעל פאר פובליק סקולס***

***שטיצט קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ ציהל צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 100 מיליאן דאלאר איז יעצט דא צו באקומען פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס אונטער דעם היסטארישן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) פון 2022. דער ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם (New York School Bus Incentive Program, NYSBIP) שטעלט צו פינאנצירונג צו מאכן ריינע באסעס און די נויטיגע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור מער אפאָרדעבעל פאר פובליק סקולס און באס פירמעס וואס מאכן קאנטראקטן מיט פובליק סקולס, בשעת'ן רעדוצירן פארפעסטיגונג און פארבעסערן די לופט קוואליטעט אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, באזונדערס אין שוואכערע קאמיוניטיס. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050, און אזוי אויך שטיצט עס ניו יארק סטעיט'ס פאדערונג אז אלע סקול באסעס אין ניו יארק סטעיט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035.

"ניו יארק סטעיט באפולמעכטיגט אירע סקול דיסטריקטס צו אננעמען אויף זיך צו אריבערגיין צו עמיסיע-פרייע סקול באסעס וועלכע וועלן גיבן פאר אונזערע צוקונפטיגע פירער געזונטע און ריינע טראנספארטאציע יעצט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פארזיכערן אז עלעקטרישע סקול באסעס זענען אויף די פראנט פון סקול קינדער טראנספארטאציע איז א קריטישע אינוועסטירונג אין געזונטהייט, און עס ווייזט ארויס די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע בשעת'ן רעדוצירן שעדליכע עמיסיעס צו פארבעסערן די לופט קוואליטעט און באשיצן אונזער טייערע סביבה."

ווערנדיג אנגעפירט דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA), גיבט NYSBIP א רייץ פאר בארעכטיגטע סקול באס פלאטע פירמעס וועלכע קויפן איין עמיסיע-פרייע באטעריע עלעקטרישע וויהיקלס (battery electric vehicle, BEV) אדער היידראודזשען ברענשטאף צעל עלעקטרישע וויהיקלס (fuel cell electric vehicle, FCEV). די פינאנצירונג ווערט געגעבן לויט די סדר פון ווען די אפליקאציעס ווערן ערהאלטן, און די סומע פון די אנרייץ הויבט זיך אן ביי $114,000 און דעקט ביז 100 פראצענט פון די צוגעלייגטע קאסט צו קויפן א נייע עמיסיע-פרייע סקול באס אנשטאט א

געהעריגע באַס, אדער די קאָסט פון איבערמאכן א באַס צו ווערן עמיסיע-פריי, געוואנדן אויף די סארט וויהיקל. גרעסערע וואַוטשער סומעס זענען דא צו באקומען פאר דיסטריקטס וואס ווערן געגעבן פריאריטעט אריינרעכענענדיג נויטבאדערפטיגע סקול דיסטריקטס און שוואכערע קאמיוניטיס, לויט די סטאנדארטן פון די 'ניו יארק סטעיט קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע' (Climate Justice Working Group). נאך אנרייץ מיטלען ווערן אויך געגעבן פאר באַס פירמעס פארן ארויסנעמען 'אינטערנעל קאמבאַסטשען' מאטאר באַסעס פון דינסט, פארן קויפן באַסעס וואס זענען צוגענגליך פאר ווילטשעירס אדער פארן איינקויפן באַסעס מיט א מעגליכקייט צו צוריק ארויפפירן עלעקטריציטעט צו די גריד.

**NYSERDA'ס CEO און פרעזידענט, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "ערמעגליכט דורך דעם היסטארישן 'ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ', וועט דער אנרייץ פראגראם העלפן סקול דיסטריקטס אונטעריאגן די איבערגאנג צו עמיסיע-פרייע סקול באַסעס אין די מיטלמעסיגע און הויכע וואג וויהיקל קלאסן אריבער ניו יארק סטעיט. דאס צוזאמברענגען מעניופעקטשורערס, סקול דיסטריקטס און באַס פירמעס צו רעדוצירן טראנספארטאציע עמיסיעס און צו שאפן ריינערע, געזונטערע טעגליכע רייזעס צו סקול פאר אונזערע סקול קינדער וועט זיך אפצאלן פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

דער פראגראם גיבט אויך צוריקצאלונגען פאר בארעכטיגטע סקול באַס פירמעס וואס קויפן איין און אינסטאלירן בארעכטיגטע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור אין פארבינדונג מיט ניי געקויפטע עמיסיע-פרייע סקול באַסעס. סקול באַס פלאטע אייגנטימער (די סקול דיסטריקט אדער זייער קאנטראקטאר) זענען אויך בארעכטיגט צו באקומען $25,000 פער באַס פאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור, אדער $35,000 אויב זיי אפערירן אין א דיסטריקט וואס האט פריאריטעט. פלאטע אייגנטימער וועלכע האבן פארענדיגט פלענער צו אריבערגיין צו עלעקטריציטעט זענען בארעכטיגט צו באקומען $55,000 פער באַס פאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור, אדער $65,000 אויב זיי אפערירן אין א דיסטריקט וואס האט פריאריטעט. וויהיקל מעניופעקטשורערס און באַס דילערס קענען אויך פארזעצן צו אפלייען צו אפפערן זייערע וויהיקלס אויף אן אנגייענדן פארנעם.

די תנאים צו זיין בארעכטיגט פאר דעם פראגראם און די כללים פאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פינאנצירונג זענען פארעפנטליכט אויף די אינטערנעט אלס די NYSBIP איינפירונג אנווייזונג ביכל. NYSERDA וועט אננעמען אפליקאציעס אויף אן אנגייענדן אופן ביז די פינאנצירונג פון די יעצטיגע רונדע ווערט אויסגענוצט, און זי וועט אננעמען אפליקאציעס אונטער צוקונפטיגע רונדעס אזוי ווי עס זעהט איבער די פארטיילונג פון די איבעריגע 400 מיליאן דאלאר פון דעם באָנד געזעץ וואס זענען צוגעטיילט געווארן פאר עמיסיע-פרייע סקול באַסעס און אינפראסטרוקטור. סקולס און סקול באַס קאנטראקטארס אפלייען נישט דירעקט פאר דעם פראגראם. סקול באַס דילערס אפלייען אין זייער נאמען נאך די באשטעלונג פאר זייערע עלעקטרישע באַסעס ווערן אפיציעל געמאכט. די אנרייץ געלטער פאר סקול באַסעס ווערן פארטיילט דירעקט פאר דילערס און מעניופעקטשורערס צו דעקן א חלק אדער די גאנצע אונטערשייד אין די פרייז צווישן עמיסיע-פרייע סקול באַסעס און ענליכע דיזעל אדער גאז-געטריבענע באַסעס, און אנרייץ געלטער פאר טשארדזשינג אינפראסטרוקטור ווערן געגעבן דירעקט פאר די פלאטע אייגנטומער. כדי צו מיטטיילן מער אינפארמאציע איבער די NYSBIP פראצעדור און איבער נייע טשארדזשינג אנרייץ געלטער, וועט NYSERDA אפהאלטן א וועבינאר אויף **דעצעמבער 11, 2023, 3 נאכמיטאג אויף די ניו יארקע זייגער** (רעגיסטרירט אייך דא). פאר ווייטערע נייעס איבער דעם פראגראם, שליסט זיך ביטע אן אין אונזער אימעיל ליסטע דא.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "סקול דיסטריקטס אריבער ניו יארק סטעיט זענען בארעכטיגט פאר די ערשטע פארציע פון 100 מיליאן דאלאר פון דעם 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' צו העלפן פאראויס שטופן די סטעיט'ס איבערגאנג צו ריינערע סקול באַסעס, בענעפיטירנדיג

קאמיוניטיס מיט ריינערע לופט און רעדוצירנדיג קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס וואסביישטייערן צו קלימאט טויש. ארבעטנדיג פון די נאענט מיט אונזערע שותפים פון NYSERDA, שטופט די DEC פאר קלימאט שריט דורכן איסנוצן פינאנצירונג געלעגנהייטן פון דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ פאר די בענעפיט פון קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, באזונדערס שוואכערע קאמיוניטיס וועלכע האבן געטראגן די שווערסטע לאסט פון ענווייראמענטאלע פארפעסטיגונג פאר צענדליגע יארן. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך גאווערנער האקול, בויען די באַנד געזעץ אינוועסטירונגען אויף קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט און זיי היטן אפ די געזונטהייט פון אונזערע נאטורליכע קוועלער."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע פארזיצער, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "אלס דירעקטע רעזולטאט פון גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו אויפבויען א ריינערע סביבה און פון דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, וועלן סקול דיסטריקטס באקומען גאר נויטיגע פינאנציעלע הילף צו איינקויפן עמיסיע-פרייע סקול באסעס. דער פראגראם איז א געווינס פאר אלע זייטן, פאר באס מעניופעקטשורערס און פאר סקול דיסטריקטס, אזוי ווי זיי ארבעטן אויף וועגן צו רעדוצירן עמיסיעס."

דער באַנד געזעץ פארלאנגט אז שוואכערע קאמיוניטיס זאלן באקומען נישט ווייניגער פון 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די סך הכל בענעפיטן פון באַנד געזעץ געלטער. אין איינקלאנג מיט די ציהל, וועט NYSERDA ציהלן צו זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 40 פראצענט פון די ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם געלטער בענעפיטירן שוואכערע קאמיוניטיס. באסעס וועלכע זענען סטאנציאנירט אין דיסטריקטס וואס באקומען פריאריטעט זענען בארעכטיגט פאר העכערע אנרייץ סומעס אין שטיצע פון נייע עמיסיע-פרייע באסעס און טשארדזשינג אינפראסטרוקטור.

די NYSBIP בארעכטיגונג תנאים זענען אפן געווען פאר די פובליק צו איבערלאזן קאמענטארן ביז סעפטעמבער 1, 2023, און זיי זענען פארעפנטליכט געווארן אום סעפטעמבער 28, 2023, נאכפאלגנדיג באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די פובליקום איבער די איינפירונג פון דעם באַנד געזעץ, באמיאונגען וואס האבן אריינגערעכנט אן אנקעטע פאר פראיעקט געדאנקען און אן 'אויסהערן טור' אריבער די סטעיט, וואס האבן געדינט צו פארשטיין וואס די באדערפענישן זענען פאר ענווייראמענטאלע פינאנצירונג אריבער די סטעיט דורך אן אפענעם און צוזאמענארבעטנדן פראצעדור. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט ביטע www.ny.gov/BondAct.

ניו יארק סטעיט שטעלט צו פילע מאטעריאלן פאר סקול באס פירמעס וואס ווילן אריבערפירן זייערע פלאטעס צו עמיסיע-פרייע באסעס, אריינרעכענענדיג די 'ניו יארק סטעיט עלעקטרישע סקול באס מאפע' און די עלעקטרישע סקול באס אנווייזונג ביכל. אין צוגאב, ווערט 5 מיליאן דאלאר פון די ערשטיגע 100 מיליאן דאלאר אין ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ פינאנצירונג אוועקגעלייגט פאר טעכנישע הילף פאר ניו יארק סטעיט סקול באס פלאטעס צו אויפקומען מיט פלענער צו אריבערפירן זייערע פלאטעס צו עלעקטריציטעט. נויטבאדערפטיגע דיסטריקטס קענען באקומען ביז אזויפיל ווי 100 פראצענט פון די קאסטן פון די פלענער געדעקט. די דערמאנטע מאטעריאלן, באזונדערס די אנווייזונג ביכל, דעטאלירן די בענעפיטן פון עמיסיע-פרייע באסעס וואס קענען באַרייכערן מיט אינפארמאציע די שמועסן מיט סקול באורדס און מיט די פובליקום, עס גיבט צו פארשטיין אפציעס פאר עלעקטרישע סקול באסעס, איינקויפונג, טשארדזשינג עקוויפמענט און אינפראסטרוקטור.

**סטעיט סענאטאר טימאטי קענעדי האט געזאגט,** "אריבערפירן אונזער טראנספארטאציע סעקטאר צו ווערן עמיסיע-פריי איז אין איינשטימונג מיט ניו יארק'ס ברייטערע ענווייראמענטאלע ציהלן און מיט אונזער פארפליכטונג צו בויען געזונטערע, ריינערע קאמיוניטיס. מיר אנערקענען אז יעדע טויש קומט אפט מיט קאסטן, און די 100 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איז בכוונה אויסגעשטעלט צו מאכן די אריבערגאנג מער אפאָרדעבעל און צוגענגליך פאר שותפים אריבער אונזער סטעיט."

**סטעיט סענאטארשע שעלי ב. מעיער האט געזאגט,** "עס דערפרייידט מיך אז מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור און איך, צוזאמען מיט גאווערנער קעטי האקול, האבן מצליח געווען צו פארזיכערן 100 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג צו העלפן סקול דיסטריקטס אריבער ניו יארק סטעיט רעדוצירן קארבאן עמיסיעס דורכן אריבערגיין צו נוצן עמיסיע-פרייע סקול באסעס. אין א צייט ווען ניו יארק גייט אריבער שווערערע און שווערערע חורבנות-אנזייענדע שטורעמעס, מוזן מיר אונטערנעמען אקטיווע און באדייטנדע שריט פון פאראויס צו רעדוצירן די מאסן פון קארבאן וואס ווערן ארויסגעלאזט אין די אטמאספערע. מיט די פינאנצירונג יעצט צו באקומען, איז ניו יארק ווידעראמאל אויפן פראנט פון די קאמף קעגן קלימאט טויש בשעת'ן זיך צוריק האלטן פון שטעלן סקול דיסטריקטס און קאמיוניטיס אין פינאנציעלע שוועריגקייטן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז ניו יארק סטעיט זאל צושטעלן די נויטיגע אנווייזונגען, מיטלען און פינאנצירונג צו שטיצן סקול דיסטריקטס אין זייער אריבערגאנג צו עמיסיע-פרייע סקול באסעס אן ארויפלייגן א לאסט אויף סקול בודזשעטס אדער אויף שטייער-באצאלנדע בירגער. ווען מיר האבן אריבערגעפירט דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, האבן מיר זיך פארפליכטעט צו צושטעלן באדייטנדע אינוועסטירונגען אין אונזער נייע, גרינע עקאנאמיע, און עס איז מיר א פארגעניגן צו זעהן די פינאנצירונג יעצט זייענדיג צו באקומען דורך דעם ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל ר. בענעדעטאָ האט געזאגט,** "באפולמעכטיגנדיג אונזערע סקולס מיט 100 מיליאן דאלאר פאר עמיסיע-פרייע באסעס איז נישט בלויז א טריט אין ריכטונג פון ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט, נאר עס איז אויך א גרויסע טריט פאראויס פאר ריינערע לופט, רעדוצירטע קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס און גלייכע צוטריט צו גרינע אינציאטיוון. דער ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם, געשטיצט דורך דעם ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ, איז א מוסטער פון די פארפליכטונג צו א גרינערע, געזונטערע צוקונפט פאר אלע קאמיוניטיס, באזונדערס די וועלכע זענען אין נויט. לאמיר טרייבן פאר טויש, איין עמיסיע-פרייע סקול באס אויף א מאל."

**אסעמבלי מיטגליד וויליאם מאגנארעלי האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס פון די גאווערנער איבער 100 מיליאן דאלאר זייענדיג צו באקומען פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס שטרייכט אונטער די פאקט אז די אריבערגאנג צו נישט-פאַסיל ברענשטאף טראנספארטאציע איז שוין דא. עס ווייזט אויך אז די נערוועזיגקייט פון פילע איבער וויאזוי זיי וועלן באצאלן דערפאר וועט בארואיגט ווערן דורך צוגעגעבענע געלטער פון די סטעיט. איך אפלאדיר די גאווערנער'ס אנאנס, און איך קוק ארויס צו מער אין די צוקונפט צו פירן צו א געשליפענע אריבערגאנג צו ריינע טראנספארטאציע."

**פרעזידענט פון די New York League of Conservation Voters (ניו יארקע ליגע פון אפהיטונג וויילער), דזשולי טייה, האט געזאגט,** "עלעקטרישע סקול באסעס וועלן שניידן קלימאט-שעדיגנדע גאז עמיסיעס וועלכע ווארעמען אן אונזער פלאנעט און זיי וועלן רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג וואס פארגיפטיגט אונזערע קינדער'ס לונגען און פירט צו גאר הויכע צאלן פון קינדער וואס פארפעלן סקול, באזונדערס אין שוואכערע קאמיוניטיס. די מאנדאט צו מאכן אלע סקול באסעס עלעקטריש ביז 2035 איז געווען א גרויסע ענווייראמענטאלע און פובליק געזונטהייט זיג, און מיט סטעיט געלטער יעצט אנהויבנדיג צו פליסן, איז די צייט געקומען 'פאר די רעדלעך צו אנרירן די ערד'. מיר מוטיגן שטארק אלע סקול דיסטריקטס צו אפליייען פאר דעם באַנד געזעץ-פינאנצירטן סקול באס אנרייץ פראגראם און אנהויבן דעם פראצעדור פון אריבערפירן זייערע פלאטעס צו עלעקטריציטעט פאר די טובה פון אונזער פלאנעט און אונזערע קינדער."

**New York Association for Pupil Transportation (ניו יארק אסאָוסיעישען פאר סקול קינדער טראנספארטאציע) עקזעקיוטיוו דירעקטאר, דעיוויד קריסטאפער, האט געזאגט,** "די ניו יארק אסאָוסיעישען פאר סקול קינדער טראנספארטאציע באדאנקט גאווערנער האקול און NYSERDA פארן

עפענען ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ פינאנצירונג פאר סקול דיסטריקטס צו איינקויפן עמיסיע-פרייע סקול באסעס דורך דעם סקול באס אנרייץ פראגראם. די פינאנצירונג וועט ארויסהעלפן סקול דיסטריקטס צו אנהויבן אריבערפירן זייער באס פלאטע פון פאַסיל ברענשטאף באסעס צו עמיסיע-פרייע סקול באסעס כדי צו נאכקומען די ציהלן פון דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ, און עס וועט צושטעלן פאר סקול קינדער ריינע און זיכערע סקול באסעס מיט וועלכע צו פארן טעגליך פון און צו סקול."

די היינטיגע אנאנס ערגענצט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע. ניו יארק אינוועסטירט מער פון 1 ביליאן דאלאר אין עמיסיע-פרייע קארן און טראָקס איבער די קומענדיגע פינף יאר און זי נעמט אן ריינע קארן און ריינע טראָקס רעגולאציעס וואס פארלאנגען אז 100 פראצענט פון פאסאנזשיר קארן און לייכטע טראָקס וואס ווערן פארקויפט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035. אקטיווע אינציאטיוון פאר קארן און לייכטע טראָקס רעכענען אריין צוריקצאלונגען פארן קויפן עמיסיע-פרייע קארן דורך NYSERDA'ס ['דרייווט ריין צוריקצאלונג פראגראם'](#) (Drive Clean Rebate Program); גרענטס פאר עמיסיע-פרייע קארן און טשארדזשינג אינפראסטרוקטור דורך דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס ['קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס לאקאלע רעגירונגען גרענט פראגראם'](#) (Climate Smart Communities Municipal Grant Program); און אזוי אויך די "EV Make Ready" (עלעקטראנישע קארן - מאכט גרייט) אינציאטיוו; ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס [EVolve NY](#) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם; NYSERDA'ס [טשארדזש גרייט (Charge Ready) 2.0](#) פאר 'לעוועל 2' טשארדזשינג אינפראסטרוקטור; און די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס [נאציאנאלע עלעקטראנישע קאר אינפראסטרוקטור ( National Electric Vehicle Infrastructure, NEVI)](#) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן. אקטיווע אינציאטיוון פאר מיטלמעסיגע און שווערע טראָקס רעכענען אריין וואוטשערס צו קויפן עמיסיע-פרייע טראקס דורך דעם [ניו יארק טראק וואוטשער פראגראם (New York Truck Voucher Program, NYTVIP)](#) און דורך דעם ניו יארק סיטי ריינע טראקס פראגראם; די "EV Make Ready" אינציאטיוו צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן; פלאטע אפשאצונג סערוויסעס; און די 24 מיליאן דאלארדיגע עלעקטרישע טראק און באס פרייז טשעלענדזש אונטער די 85 מיליאן דאלארדיגע [ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער $55 ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון $1 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון, און איבער $2 ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע

פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן